# לייגן די
# תפילין של יד
# פאר של ראש

בא | ואתחנן | עקב

קדימת של יד לשל ראש / קריאת התורה של חנוכה / אם הקדים של ראש לשל יד / קבלת עול / שיראתו קודמת לחכמתו

לע"נ זאב ארי' ע"ה בן יבלחט"א שניאור זלמן גליק

דער אַלטער רבי שרייבט אין שולחן ערוך אורח חיים סימן כה סעיף יב: "בתחילה יניח תפילין של יד ואח"כ תפילין של ראש" און דער טעם אויף דערויף שרייבט דער אַלטער רבי: "שקדימת של יד לשל ראש הוא מן התורה שהרי בתחילה נאמר[1] וקשרתם לאות על ידך ואח"כ והיו לטוטפות וגו'."

דער מקור אויף דעם דין איז אין מסכת מנחות:[2] "תנא כשהוא מניח, מניח של יד ואח"כ של ראש." און דער מקור אויף דעם זאָגט די גמרא איז פון דער פסוק אין פרשת ואתחנן: "דכתיב וקשרתם לאות על ידך והדר (ואח"כ) והיו לטוטפות בין עיניך."

אין מכילתא ווערט געבראַכט דער זעלבער דין, נאָר פון אַן אַנדער פסוק. אויפן פסוק אין פרשת בא[3] "והיה לך לאות על ידך ולזכרון בין עיניך" שטייט: "כל זמן שתש"י ביד תן את ש"ר בראש. מכאן אמרו כשהוא נותן, נותן של יד ואח"כ נותן את של ראש".

דאַרף מען פאַרשטיין: פאַרוואָס ברייננגט די גמרא אַלס מקור אַ פסוק אין חומש דברים און ניט דער פסוק אין פרשת בא וואָס איז דאָך אַ סאַך פריער?!

> מען וואָלט געקענט ענטפערן אַז די גמרא האַלט אַז דאָס איז נאָר אַ חיוב אויף דער מניח, דאָס הייסט אַז די תפילין אַליין ווערן ניט מערער בשלימות, ס'איז נאָר אַז די תורה זאָגט ווי אַזוי דער מענטש דאַרף אָנטאָן תפילין, ווי די גמרא זאָגט "כשהוא מניח, מניח של יד ואח"כ של ראש."

> און דער מכילתא האַלט אַז דאָס איז אַ דין אין די תפילין, אַז די תפילין דאַרפן זיין אָנגעטאָן אין אַ געוויסן סדר "כל זמן שתש"י ביד תן את ש"ר בראש."

> דאָס הייסט, אַז די גמרא רעדט מצד דער "גברא", און די מכילתא רעדט מצד דער "חפצא."

1. ואתחנן ו, ח
2. לו, א
3. בא יג, ט

און על פי זה קען מען מבאר זיין דער טעם וואָס די גמרא ברייַנגט דעם שפּעטערדיקן פסוק "וקשרתם לאות על ידך," ווייל דער פסוק רעדט צו דעם מענטשן, און זאָגט עם ווי ער דאַרף זיך פירן - "וקשרתם" - און דו זאָלסט אָנטאָן.

און דער מכילתא ברייַנגט דעם פסוק "והיה לך לאות על ידך," ווייל עס רעדט וועגן די תפילין, "והיה" - און עס זאָל זיין.

אָבער מען קען אַזוי ניט לערנען, ווייל אין ספרי[4] ווערט געבראַכט דער דין מיט דער זעלבער לשון ווי אין מכילתא, וואָס רעדט מצד די תפילין - דער חפצא, אָבער דער זעלבער ספרי לערנט דאָס אַרויס פון פסוק "וקשרתם," וואָס רעדט צו דעם מענטשן, דער גברא. נאָר

ב צו דאָס פאַרשטיין דאַרף מען פריער מקדים זיין: דער דין אַז פריער טוט מען אָן תפילין של יד און דערנאָך תפילין של ראש, קען מען פאַרשטיין אויף צוויי אופנים:

דער ערשטן אופן איז, אַז דאָס איז אַ דין אין תפילין של ראש, אַז די תפילין של ראש איז בשלימות נאָר ווען דער מענטש טראָגט אויך די תפילין של יד.

דער צווייטער אופן איז, אַז דאָס איז אַ חלק פון די מצוה. דאָס הייסט, איינער פון די חלקים פון די מצוה איז, אַז פריער טוט מען אָן תפילין של יד און דערנאָך תפילין של ראש.

ג די נפקא מינה צווישן די צוויי אופנים וועט זיין:

ובהקדים: מען געפינט אַ מחלוקת הפוסקים אין הלכות חנוכה:[5] ראש חודש חנוכה איז דער סדר פון קריאת התורה אַז פריער לייַנט מען אין איין ספר תורה די קריאה פון ראש חודש, און נאָכדעם אין אַ צווייטע ספר תורה די קריאה פון חנוכה. די שאלה ווערט: אויב דער בעל קורא האָט אָנגעהויבן מיט די קריאה פון חנוכה, וואָס זאָל מען טאָן? איז אין דעם פאַראַן אַ מחלוקת, דער רמ"א (און אַזוי אויך דער מגן אברהם) האַלט אַז מען דאַרף נאָכאַמאָל אָנהויבן לייַנען די קריאה פון ראש חודש און ערשט דערנאָך לייַנען נאָכאַמאָל די קריאה פון חנוכה. און

4. פרשת ואתחנן
5. שו"ע או"ח סימן תרפ"ד סעיף ג. ט"ז סק"ד. מג"א סק"ה

> דער ט"ז קריגט זיך און האַלט אַז מען קען ממשיך זיין די קריאה פון חנוכה און נאָכדעם ליינען של ראש חודש. על דרך זה איז דער מחלוקת דאָ:

אויב איינער האָט פריער אָנגעטאָן די תפילין של ראש, צי קען ער יעצט אָנטאָן די תפילין של יד, אָדער ער דאַרף פריער אויסטאָן די של ראש און דערנאָך אָנטאָן די של יד און ערשט נאָכדעם זאָל ער אָנטאָן דעם של ראש נאָכאַמאָל.

אויב מען לערנט אַז דאָס איז אַ דין אין דער שלימות פון די תפילין של ראש, קען ער גלייך אָנטאָן דער של יד, און דאַמאָלסט איז דער של ראש בשלימות.

אָבער אויב מען לערנט אַז דער סדר איז אַ חלק פון די מצוה, איז אויב ער טוט ניט אָן ערשט די תפילין של יד האָט ער ניט ריכטיג געטאָן די מצוה!

**ד** וי"ל אַז דאָס איז דער חילוק צווישן די גמרא מיט דער מכילתא:

די גמרא לערנט אַז דאָס איז נאָר אַ חלק פון דער שלימות פון די תש"ר.

> און דאָס איז מדוייק אין לשון פון דער נימוקי יוסף אויף די גמרא: "צריך שילבישם אחרונים," אַז דער לימוד פון פסוק לערנט אונז אַז די תש"ר מוז מען אָנטאָן צום לעצטנס.

משא"כ דער מכילתא לערנט אַז דער סדר איז אַ חלק פון דער מצוה אַליין.

לויט דעם קען מען מבאר זיין דער טעם וואָס דער מכילתא לערנט אַרויס דער דין פון דער פסוק אין פרשת בא, און די גמרא לערנט עס ניט אַרויס פון דעם פסוק, נאָר פון פרשת ואתחנן.

אין פרשת בא איז דער אָרט וואו די תורה זאָגט אונז אָן מצות תפילין. און דעריבער לערנט עס אַרויס די מכילתא פון דער פסוק, ווייל לויטן מכילתא איז דאָס אַ חלק פון די מצוה אַליין, זאָגט די תורה גלייך אָן ווי מען דאַרף מקיים זיין די מצוה.

אָבער די גמרא לערנט דאָך אַז דער סדר אין אָנטאָן תפילין איז נאָר אַ זייטיקער ענין, אַ שלימות אין דער של ראש. און דערפאַר לערנט מען אַרויס דער דין פון אַ שפּעטערדיקן פסוק, ווייל לויט די גמרא איז דער דין ניט אַ חלק פון די מצוה אַליין.

ה עס ווערט געבראַכט[6] אַז תפילין של יד איז כנגד הלב און תש"ר איז כנגד המוח, וואָס דערפאַר לייגט מען תפילין על הראש "לשעבד הנשמה שהיא במוח" (צו אונטערטעניקן די נשמה וואָס געפינט זיך אין מוח,) און על הזרוע "לשעבד תאוות ומחשבות ליבנו לעבודתו יתברך" (און צו אונטערטעניקן די תאוות און מחשבות פון אונזער האַרץ צו דינען דעם אויבערשטן).

דער חילוק פון די צוויי ענינים איז, עבודת הלב איז קבלת עול און יראת ה'. עבודת המוח איז דער ענין פון הבנה והשגה, די עבודה פון לימוד התורה.

און דאָס לערנט אונז די תורה, אַז דער סדר אין עבודת ה' איז, אַז פריער מוז מען דינען דעם אויבערשטן מיט קבלת עול, און דוקא מיט דער הקדמה קען מען דערנאָך טאָן אין עבודת המוחין.

> נאָכמער, לויט די גמרא, איז די הקדמה פון תש"י מוסיף אין דער שלימות פון תש"ר. אַזוי איז אויך ברוחניות, ווי עס שטייט אין פרקי אבות "מי שיראתו קודמת לחכמתו" איז דוקא דעמאָלט "חכמתו מתקיימת."

על פי לקוטי שיחות חלק י"ט פרשת ואתחנן שיחה ב'

6. שו"ע אדה"ז סימן כ"ה סעיף י"א

# קיצור לחזרה

1. ב' דעות במקור הדין בתחילה מניח של יד ואח"כ של ראש. ש"ס - וקשרתם לאות על ידך. מכילתא - והיה לך לאות על ידך.

2. קושיא על הש"ס.

3. אופן א' לפרש, גברא וחפצא. ופירוכו מספרי ב' אופנים בביאור דין זה: שלימות והידור בתש"ר או חלק מהמצוה.

4. נפקא מינה בהנ"ל - הניח של ראש לפני של יד בהקדם מחלוקת בהלכות חנוכה.

5. להש"ס - הקדימה היא שלימות יתירה ולהמכילתא - הוי חלק מפעולת המצוה.

6. הוראה בעבודת ה', עבודה בקב"ע לפני הבנה והשגה.